**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/1/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול באלייכט ניו יארק סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן לכבוד 'חודש פון דאס מיליטער קינד'

***פאראדנט צענטראלע סטרוקטורן אריבער ניו יארק סטעיט צו באלאכטן ווערן אין פוירפל***

***סטעיט פירער שטעלן זיך צוזאם מיט הויפט אטראקציעס אריבער די סטעיט צו צושטעלן ספעציעלע פראגראמען לכבוד חודש פון דאס מיליטער קינד***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט פאראדנט אז צענטראלע סטרוקטורן אריבער ניו יארק סטעיט זאלן באלאכטן ווערן אין פוירפל היינט נאכט, אפריל 1, צו אנערקענען אפריל אלס דעם 'חודש פון דאס מיליטער קינד' און באעהרן קינדער פון מיליטער פאמיליעס. די סטעיט דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס (Department of Veterans' Services, DVS) וועט אויך ארבעטן בשותפות מיט פארשידענע ארגאניזאציעס ארום די סטעיט צו אפהאלטן פראגראמען פאר מיליטער קינדער און זייערע פאמיליעס דורכאויס דעם חודש.

"מיר זענען שולדיג אן ערנסטע חוב פון הכרת הטוב פאר די מענער און פרויען פון אונזערע ארמיי קרעפטן און זייערע פאמיליעס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער חודש פון דאס מיליטער קינד איז א געלעגנהייט צו ציהען אויפמערקזאמקייט צו די העלדישע קינדער וועמען'ס קוראזש און עקשנות טוהען אונז אלע אינספירירן. מיר זענען באעהרט צו מיטטיילן הילפס-מיטלען און געלעגנהייטן מיט ניו יארק'ס מיליטער פאמיליעס דורכאויס דעם חודש אפריל."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס קאמישאנער, וויוויאנא דעקאָוהען, האט געזאגט,** "מיליטער קינדער זענען פארקוקטע העלדן אריבער אונזער סטעיט. אנגעהויבן פון דאס זיך דארפן אריבערציהען אפט, א זאך וואס פארלאנגט זיך צו דארפן צוגעוואוינען צו די שוועריגקייטן פון פעהלנדע עלטערן ווען זייערע עלטערן זענען ארויסגעשיקט, קינדער אין מיליטער פאמיליעס זענען מוותר אויף אסאך, שטארקן זיך אויף שוועריגקייטן און ווייזן ארויס אויסערגעווענטליכע שטארקייט. עס איז אונז אן עהרע צו ארבעטן בשותפות מיט אכט פון ניו יארק סטעיט'ס מערסט מערקווירדיגע – און ברייטהארציגע – לאקאציעס צו ברענגען פריידיגע מאמענטן פאר די קינדער דורכאויס דעם ספעציעלן חודש."

די ספעציעלע פראגראמען, באשטימט פאר שבתים און זונטאגס דורכאויס אפריל, קומען אין דעם זעלבן צייט פון די נאציאנאלע פייערונג פון דעם חודש פון דאס מיליטער קינד. יעדעס מיליטער קינד וואס באטייליגט זיך ביי די פראגראמען וועט באקומען א פערזענליכע 'חודש פון דאס מיליטער קינד' סערטיפיקאט און פראקלאמאציע ביי די ענדע פון דעם פראגראם.

רעגיסטראַציע פון פאראויס איז פארלאנגט זיך צו באטייליגן אין סיי וועלכע פון די פראגראמען. אינטערעסירטע מענטשן קענען זיך רעגיסטרירן אומזיסט דורכן שיקן אן אימעיל צו DVSInfo@veterans.ny.gov שרייבנדיג אין די 'סאָבדזשעקט' שורה " Month Of The Military Child Registration" (חודש פון דאס מיליטער קינד רעגיסטראציע).

דורכאויס דעם חודש אפריל, קענען מיליטער קינדער און זייערע עלטערן אנטייל נעמען אין די פאלגנדע אומזיסטע פראגראמען:

- שבת, אפריל 6, אנגעהויבן פון 2:00 נאכמיטאג: אנדעקט די Howe Caverns הייל אין האַוויס קעיוו, ניו יארק מיט אן אויסשליסליכע טור אונטער די ערד, ברייטהארציג געספאנסארט צוזאמען מיט די Military Family Foundation.
- זונטאג, אפריל 7, אנגעהויבן פון 10:30 פארמיטאג: זעהט הונטער די קוליסן פון די Citi Field סטאדיום אין קווינס, ניו יארק – די היים פון די New York Mets ספארטס טיעם – מיט א ספעציעלע טור אריינרעכענענדיג צוטריט צו די צימערן און טרענירונג פלעצער פון באזוכנדע ספארטס טיעמס.
- שבת, אפריל 13, אנגעהויבן פון 2:00 נאכמיטאג: באזוכט די All Things Oz מוזעאום אין טשיטענענגאָ, ניו יארק, די היימשטאט פון ל. פרענק בוים, שרייבער פון די Wonderful Wizard of Oz, פאר אן אייגנארטיגע ערפארונג.
- זונטאג, אפריל 14, אנגעהויבן פון 2:30 נאכמיטאג: לאזט זיך ארויס אויף א רייזע אריבער די היסטאריע פון בראדוועי ביי די מוזעאום אָוו בראדוועי אין ניו יארק סיטי.
- שבת, אפריל 20, אנגעהויבן פון 2:00 נאכמיטאג: באקומט די ערפארונג פון אן אוואנטורע מיט ווילדע באשעפענישן ביי די Bailiwick Animal Park אין קעטסקיל, ניו יארק, וואו זעלטענע און פארם חיות ווארטן.
- זונטאג, אפריל 21, אנגעהויבן פון 9:30 אינדערפרי: געניסט פון א ספעציעלע טור פון די Lyndhurst Mansion פאלאץ אין טעריטאון, ניו יארק דורכאויס זייער געוואלדיגע בלומען פארשטעלונג נעבן די האדסאן ריווער.
- שבת, אפריל 27, אנגעהויבן פון 12:00 מיטאג: באטייליגט זיך ביי א ספציעלע לעיזער פארשטעלונג, אנגעשטעלט לויט לידער פון טעילאר סוויפט ביי די Rochester Museum & Science Center'ס 'פלענעטעריום' זאל אין ראטשעסטער, ניו יארק.
- זונטאג, אפריל 28, אנגעהויבן פון 9:00 אינדערפרי: אנטפלעקט די וואונדערס פון ניאגרא פאָלס מיט באזוכן צו די אקוואריום פון ניאגרא, די Maid of the Mist שיף רייזע און די Cave of the Winds הייל.

אין צוגאב וועט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס פייערן דורכאויס אפריל איר שותפות מיט Carnegie Hall'ס וויגליד פראיעקט (Lullaby Project). מיליטער פאמיליעס האבן געארבעט צוזאמען מיט פראפעסיאנאלע מוזיקאנטן ביי Carnegie Hall צו אויפקומען מיט זייערע אייגענע וויגלידער פאר זייערע קינדער, מיט רעקארדירונגען פון די וויגלידער ווערנדיג מיטגעטיילט אויף די NYS DVS'ס סאָשעל מידיע פראפילן פאר די הנאה פון די פובליקום.

**פרעזידענט פון די International L. Frank Baum & All Things Oz Historical Foundation, דעניס קוליס, האט געזאגט,** "די All Things Oz מוזעאום איז באגייסטערט ביז גאר צו ענטפאנגען די קינדער פון מיליטער פאמיליעס צו אונזער מוזעאום אין אפריל. די פאמיליעס וואס שטיצן אונזערע סאלדאטן זענען די גרונדשטיין פון מיליטער לעבן, פאר אונזערע קאמיוניטיס און פאר די מענער און פרויען וואס טראגן די מונדירן פון אונזער לאנד און דינען אונזער לאנד יעדן איינציגן טאג — א דאנק אייך.

מיר זענען באַגייסטערט און באַעהרט צו קענען צוריקגעבן פאַר די קינדער פון אונזערע סאלדאטן, זייערע פאמיליעס און פאַר די מיליטער-פאַרבינדענע קאמיוניטי."

**איינע פון די גרונדערינס פון די מוזעאום אָוו בראדוועי, דזשולי באורד, האט געזאגט,** "מיר זענען באַגייסטערט צו מיטטיילן די געוואלדיגע ערפארונג פון די מוזעאום אָוו בראדוועי מיט אונזערע מיליטער פאמיליעס לכבוד דעם חודש פון דאס מיליטער קינד. מיר האבן אוועקגעשטעלט די מוזעאום צו אינספירירן געסט אין יעדע עלטער צו לערנען פון די פארגאנגענהייט צו העלפן בויען די געמיינזאמע צוקונפט, שטייענדיג אויף די אקסלען פון די וועלכע זענען געקומען בעפאר אונז און האבן אויסגעפלאסטערט די וועג."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון Lyndhurst, האווערד זאַר, האט געזאגט,** "Lyndhurst האט א לאנגע היסטאריע פון שטיצן מיליטער פאמיליעס, אנגעהויבן מיט אונזער פערטע אייגעטימערין, די באַרימטע פילאנטראפין העלען גאוד. העלען האט פינאנסירט דאס אוועקשטעלונג און סופּלייס פון מיליטערישע שפיטעלער און איז געווען אקטיוו אין די Women's National War Relief Association (פרויען'ס נאציאנאלע קריג פארלייכטערונג פארבאנד). עס איז אונז אן עהרע צו פארזעצן העלען'ס טראדיציע פון שטיצע דורכן אריינגעמען דעם פראגראם אויפן ארט טיילווייז צו באַדאנקען ArtsWestchester."

**דירעקטאר פון עדזשוקעישען ביי די Rochester Museum & Science Center (RMSC), עראן דאמערסי, האט געזאגט,** "די RMSC איז דערפרייט צו אפהאלטן די פייערונג לכבוד דעם חודש פון דאס מיליטער קינד. מיר האפן אז די ערפארונג וועט אויפוועקן א נייגער, וואונדער און פרייד אין אלע וואס באטייליגן זיך. עס איז אונזער האפענונג אז נישט קיין חילוק וואו לעבן'ס אוואנטורעס פירן זיי — וועלן באזיכער צו די RMSC מיטנעמען מיט זיך א גרעסערע אנערקענונג פון די געוואלדיגע פלאנעט און קאסמאס וואס מיר אלע טיילן מיט!"

**סטעיט-ברייטע קאארדינעיטאר פאר 'לייטערס צו די דרויסן' (Ladders to the Outdoors), קעדזשואן הארמאן, האט געזאגט,** "'לייטערס צו די דרויסן' איז שטאלץ צו אריינגיין אין א שותפות מיט די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס צו צושטעלן א טאג פון הנאה פאר קינדער פון אונזער לאנד'ס העלדן. אזוי ווי אונזער מיסיע איז צו העלפן ברענגען קינדער ארויס אינדרויסן, האפן מיר אז דער טאג וועט דאס עררייכן און ברענגען די געלעגנהייט פאר פילע זכרונות צו געשאפן ווערן."

**די New York Mets מיליטער, וועטעראנען און נאנטע (Military, Veterans & Peers, MVP) ארבעטער הילפס מיטל גרופע, האט געזאגט,** "אין נאמען פון די New York Mets, זענען מיר באַגייסטערט צו באַעהרן די פאמיליעס און קינדער פון אונזערע טאג-טעגליכע העלדן דורכן זיי גיבן אן אייגנארטיגע ערפארונג פון הונטער די קוליסן און אן אומפארגעסליכער טאג ביי די סטאדיום!"

די סטרוקטורן וועלכע וועלן באלאכטן ווערן אין עהרע פון חודש פון דאס מיליטער קינד רעכענען אריין:

- WTC 1
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- Empire State Plaza
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער

- ניאגארא וואסערפאלן
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפאָרט ליפט בריק העכער די ערי קאנאל
- מויניהאן באן האל
- פיסגייער וועג איבער הודסאן סטעיט היסטארישע פארק

**איבער די דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס**

די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס – וואס האט געדינט אלץ די סטעיט'ס שתדלנות אגענטור פאר וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס זינט 1945 – האלט זיך צו א פארפליכטונג אין די אגענטור צו באדינען אלע וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס מיט א ברייטע רייע פון סערוויסעס, אריינרעכענענדיג מיט קלעימס און אפעלירונגען פאר בענעפיטן פון די פאראייניגטע שטאטן דעפּארטמענט פון וועטעראנען אנגעלעגנהייטן ( Department of Veterans Affairs), אפעלירונגען פאר די טיטל נאכן באפרייט ווערן צו די פאראייניגטע שטאטן פארטיידיגונג דעפּארטמענט (Department of Defense) און מיט קלעימס פאר ניו יארק סטעיט בענעפיטן. וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס ווערן געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די דעפּארטמענט אויף 888-838-7697 אדער אויף איר וועבזייטל זיך צו טרעפן מיט א טרענירטער וועטעראנען בענעפיטן אדווייזאר – פנים אל פנים אדער פונדערווייטנס – צו אדרעסירן זייערע באדערפענישן און צו באקומען די פולשטענדיגע סומע פון בענעפיטן וואס קומט זיך זיי. פאלגט נאך DVS אויף פעיסבוק, אינסטאגראם און טוויטער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן